# ראדאמער-קעלצער לעבן


הײנט 14 זײטען

אדרעסען
פון „ראדאמער קעלצער לעבען“

אין ראדאם
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ.
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Kielce, Staro-Warszawska 34.

אנאנסען פרייז:
אין מילימעטער שורה: פאר'ן טעקסט 20 גר'
„ 40 „ אין „ „ „
„ 18 „ נאכ'ן „ „ „

ראדאם פרייטאג יב' אדר תרפ"ו — פאר'ן אינהאלט און טעקסט פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך — 26-go Lutego 1926 roku


א הערצליכען מז"ט. ווינשען מיר אונזערע ליבע עלטערן צו דער תנאים פון זייער ליבע טאכטער פרל' עטיל לאנדאן מיט ה' אהרן פרידמאן זיי זאלען האבען נחת פון זעם פערלאבטען פארל און דערלעבען שמחות ביי דער רעכטע קינדער.

קינדערליך, פאטער, אידעם און אייניקלעך.
חיה'לע, ישראל, אליעזר, טשארנאלע, אלקנה ווערבער.

---

צום פערלאבונג פון אונזער ליבע שוועסטער און שוועגערין פרל' עטיל לאנדאן מיט ה' אהרן פרידמאן ווינשען מיר זיי פיל גליק זאל זייער צוקונפט אויפבליען ווי די בלומען אין פרילינג.

שוועסטער חיי'לע,
שוואגער ישראל אליעזר ווערבער.

---

צו דער פערלאבונג פון אונזער שוועסטער עטיל לאנדאן מיט ה' אהרן פרידמאן ווינשען מיר א גליקליכע צוקונפט זאל זייער צוזאמענבונד געשלאסען זיין מיט מזל און צופרידענהייט.

ברידערען
נחום, יחיאל און הירשעל לאנדאן.

---

צו דער האכצייט פון מיין ליבע טאכטער פריידעלע בערקאוויטץ מיט ה' איטשע בליימאס ווינש איך מזל טוב. זאל די זון פון גליק בעשטראלען אייערע געצעלטען אין לאנד אמעריקא.

מוטער.
חיי' גיטעל בערקאוויץ.

---

א הערציגען ברכת מזל-טוב וואונשען מיר אונזער חבר

## אסקאר סערוועטניק

מיטגליד פון רעדאקציאנס-קאלעגיום פון „ראדאמער-קעלצער לעבען“ צום געבורט פון זיין טאכטער.

דאס רעדאקציאנס קאלעגיום
אין קעלץ.

---

א הארציגען „צאתך לשלום“ וואונשען מיר אונזער ליבען חבר **משה גרינשפאן** נ"י. וויצע פארזיצענדער פון אידישען ספארט קלוב „מכבי“ אין קעלץ צו זיין אבפאהרען קיין קאנאדע, זאל זיין וועג זיין מיט הצלחה.

דער אידישער ספארט קלוב „מכבי“
אין קעלץ.

---

יעקב יחיאל זילבערשטרום. — ביילה הדס צוקער
רדום — שידלובין

באו בברית הנשואין

לרגלי חתונת אחינו יעקב יחיאל זילבערשטרום את העלמה ביילה הדס צוקער אנו מאחלים להם עתיד מאשר. תהי דרככם מקושט בשושנים.

אחים
אברהם דב, ויוסף אריה זילבערשטרום.

---

# בעקאנטמאכונג

## די פערוואלטונג פון דער אידישער רעליגעזער קהלה אין ראדאם

מאכט בעקאנט אויפ'ן סמך פון פאר. 13 פון די פערפליכטענדע פארשריפטען וועגען די אידישע רעליגעזע קהלות, אז דער בודזשעט אין די ליסטע פון קהלה—שטייער (עטאט) פארן יאהר 1926 וועלען ארויסגעלעגט ווערען צום דורכזעהען פאר די קהלה-מיטגלידער במשך 8 טעג, ד. ה. פון 24-טען לוטי ביז'ן 3-טען מערץ ל. י. איינשליסליך, אין דער קהלה-קאנצעלאריע (לובעלסקא 9) פון 9 ביז 2 בייטאג.

ביז'ן 10 מערץ ל. י. האבען די קהלה-מיטגלידער דאס רעכט אנצוגעבען אין דער קהלה-פערוואלטונג שריפטליכע געהעריג-מאטיווירטע רעקלאמאציעס, נאך דעם טערמין וועלען קיין רעקלאמאציעס נישט אנגענומען ווערען.

ס'ווערט אויפמערקזאם געמאכט, אז נאכ'ן בעשטעטיגען דעם בודזשעט מיט'ן עטאט וועלען קיין רעקורסען דורך דער קהלה-פערוואלטונג נישט אנגענומען ווערען.

בעמערקונג: דער קהלה—שטייער פאר 1926 ווערט אויפגעמאהנט ווערען אין ראטעס.

ראדאם, דעם 22 לוטי 1926

---


Towarzystwo dla Handlu
## WYROBAMI SZKLANEMI
**Sp. z O. O.**
**Warszawa, Hoża 37.**
**Składy: Ogrodowa 62** telefony 196-76, 262-24 i 129-92.

מאכט בעקאנט, אז צו דער בעקוועמליכקייט פון די געעהרטע קונדען
איז געעפענט געווארען א פאבריק'ס-לאגער
**אויף נאלעווקי 31** פראנט
אין עמפפעהלט א גרויסען אויסוואהל פון גלאז-וואארען, פארצעלאן, פאיאנס און לאמפען אונטער דער לייטונג פון מיטאינהאבער
ה' מ. ראזענטהאל

---

**Szkoła Froblowska przy Org. Sjonistycznej**
pod kier. **E. GOSTYŃSKIEJ** (Lubelska 25).

**urządza dn. 28 Lutego r. b. (Purym) w sali Hotelu Europejskiego** (Miraż)

## WIELKI BAL KOSTJUMOWY DLA DZIECI

z konkursem ładnych kostjumów o nagrodę i inne niespodzianki

Bilety wcześniej do nabycia w kancelarji frebłówki od godz. 10—2
**POCZĄTEK O GODZ. 3-ej.**
**Sala dobrze ogrzana.** **Bufet obfity.**
Kostjumy nie obowiązują

# מיר גרינדעז א רעטונגס-קאמיטעט.

מיר גרינדען א רעטונגס קאמיטעט.— דאס איז די לעצטע נייעס, וואס מיר קענען אנזאגען דעם עולם. דאכט זיך ווי לאנג איז עס, ווי מיר האבען געהאט ביי אונז „א רעטונגס-קאמיטעט“? מיר האבען געמיינט, אז מיר האבען שוין די צייטען פון אזעלכע קאמיטעטען איבערגעלעבט, אז די צייטען זענען שוין אויף אייביג אוועק, ווייזט זיך אבער לײדער ארויס, אז מיר האבען א טעות געהאט. מיר האלטען היינט ווידער ביים גרינדען א רעטונגס-קאמיטעט.

ראדאם נעהמט זיך צו אן'ערנסטער רעטונגס-אקציע. א מאל וואלט עס געווען א גוטע טעמא פאר א פעליעטאן. וואָ־ום וואס האט אונזער א מאליגער קאמיטעט געהאט צו טהון? צי האט ער געדארפט זאמלען געלד, זארגען פאר'ן נויטיגען פאנד? דאס אלץ האט אמעריקא געגעבען מיט דער ברייטער האנד. די מיטגליעדער פון קאמיטעט האבען געהאט די דאנקבארע אויפגאבען צו ראטעווען אויף פרעמדען חשבון, צו טיילען נדבות פון א פאנד פאר וועלכען זיי האבען נישט געזאמעלט, האבען נישט געדאגה'ט און נישט געוואוסט פון קיין ווינד און וועה.

בנוגע די דאמאלסדיגע רעטונגס-קאמיטעטען האט מען געקענט אנווענדען טאלסטאי'ס מעשה, פון יענעם פריץ וואס האט געקריגען א מעדאל פאר ראטעווען א מענשען, אז מען האט געפרעגט דעם פריץ: ווי אזוי איז עס געשעהן? האט ער דערצעהלט א מעשה, ווי אזוי ער איז א מאל געפאהרען אין א גרויסען פראסט און האט דערזעהן, ווי א מענש פאלט ארונטער אונטער'ן אייז. מאמענטאל האט איוואן דער קוטשער זיך געווארפען אין וואסער און האט מיט סכנות נפשות געראטעוועט דעם מענש. — און דערפאר האט ער געקריגען דעם מעדאל, ווייל איוואן איז דאך זיין קוטשער..

אזעלכע מינים „רעטונגס קאמיטעטען“ וואס ראטעווען אויף איוואנ'ס חשבון, קענען היינט ליידער, אדער אפשר צום גליק, נישט זיין. אמעריקא וויל נישט און קען נישט מעהר שפיעלען די ראל פון איוואן. אין לעצטען אויפרוף, וואס דער „דזשוינט“ האט פערעפענטליכט, ווערט בפירוש געזאגט, דאס זיי רעכענען נישט און האלטען פאר אונמעגליך צו ענטוויקלען א ברייטע הילפס-ארבייט; זיי פאדערען דארום אויף דאס פוילישע יודענטום, זיך אליין צו העלפען.

די אידעע פון זעלבסט-הילף איז אונז נישט פרעמד. פון פערשיעדענע זייטען איז געווארען געמאכט פראבעס פון זעלבסט-הילף. אבער די אלע פראבעס פיהרען נישט צום ציעל. עס איז דורכאויס נישט דערלאזבאר די אקציע זאל צובראקעלט ווערען, יעדער חברה, יעדער פעראיין אדער — ווי דאס האט מען געפרובט אין ווארשא יעדער צייטונג, זאל מאכען שבת פאר זיך, געבונדען זיין „הילפס קאסע“ פאר זיינע מענשען און שלאגען דערפון קאפיטאל, פאר זיין קלייזעל אדער קרייזעל. פון אזעלכע אקציעס קען קיין רעטונג נישט קומען, העכסטענס וועט די חלה אוועק אויף דער המוציא און צום בעדערפטיגען וועט גאר נישט קומען. און אויב אפילו די אקציעס זאלען האבען ערפאלג, איז עס, אין אינטערעס פון כלל נישט געוואונשען אריינצוברענגען א צושפליטערונג אין א אקציע אין וועלכער עס קען נישט זיין און עס טאר נישט זיין קיין פארטייאישקייט און קלייזעל-פאליטיק האט דא נישט קיין פלאץ.

עס איז דארום צו בעגריסען, וואס די גמינע האט ענדליך איבערגענומען די איניציאטיוו צו גרינדען א אלגעמיינעם רעטונג'ס-קאמיטעט. די גמינע איז ביי אונז היינט די אינסטיטוציע, וואס פערמאגט דעם גרעסטען אויטאריטעט. זאל זשע דער אויטאריטעט ווערען אויסגענוצט פאר'ן ריכטיגען צוועק און זאל געשאפען ווערען דער צענטראלער רעטונגס-קאמיטעט, וועלכער וועט ווירקליך זיין בכח עפיס אויפצוטוהן.

מיר שאפען א רעטונגס-קאמיטעט. דער פאקט איז אין עצם זייער א טרויעריגער. מיט צוויי יאהר צוריק האבען מיר נישט געגלויבט, אז מיר וועלען אזוינס דארפען האבען. אבער אין דעם טרויעריגען פאקט איז דא א טראפען נחמה, עס איז נאך גוט, וואס עס געפינט זיך א אינסטיטוציע, וואס איז פעהיג און בערופען צו שאפען אזא קאמיטעט. מיר האפען, אז דער קאמיטעט וועט געניסען דעם געהעריגען צוטרוי און וועט ערפילען זיין שווערע אויפגאבע בשלמות.

ש. ס.

# צי קען מען זיך איינארדנען אין ארגענטינע?

(א בריעף פון א דארטיגען.)

מיר הערען, אז אין דער לעצטער צייט גרייטען זיך א סך אידען צו פאהרען קיין ארגענטינא. עס הייסט דארט ביי אייך, אז דא קען מען לייכט געפינען בעשעפטיגונג. די פאקטען בעווייזען אבער עפעס אנדערש.

לויט א אפיציעלער סטאטיסטיק פון ארבייט-מיניסטעריום זענען אין לעצטען יאהר אריינגעקומען 129 טויזענד עמיגראנטען, אקעגען-זשע זענען צוריקגעפאהרען 62 טויזענד. דאס בעווייזט, אז מ'געפינט דא נישט קיין גליקען און אז מיט שווערער מיה קען מען געפינען בעשעפטיגונג און דערביי ווערט מען שענדליך אויסגענוצט פון די אונטערנעמערס. ערשטקלאסיגע ארבייטער גייען דא ארום חדשים לאנג ביז זיי געפינען ארבייט. ס'דויערט גענוג לאנג

י. מ. שויכעטזאהן

# אין אפגרונד

(א שפאנענדע געשיכטע פון היינטיגער צייט).

## די „חלוקה“.

דער טיילער איז געווען מיסטער פיליפ אליין. הפצים, וואס זענען אויסגעפאלען אויף זיין חלק, האט ער אויסגעלעגט אויפ'ן טישעל און די זאכען, וואס אויף מענדעלי'ס זייט, האט מענדעלי זיי אהינגעלעגט אין זיין גרויסען, לעדערנעם טשעמאדאן, וואס איז אזוי אנגעפאקט געווא־ען. אז דאס שלאס האט אזש נישט געקענט צוגעהן!

ביים טיילען האט זיך מיסטער פיליפ געהאלטען אין איין בויגען זיך צו דער ערד, וואו ס'איז געלעגען דער טערקישער דיוואן, אנגעשיט מיט'ן גאנצען שלל, ס'גראבע קיילעכדיגע בייכעל האט זיך געקורטשעט, איינגעשרימפען געווארען און קאפויער געשפרונגען אלע רגע. אבער דאס האט איהם גארנישט געארט, ווייל דער קאפ זיינער איז געווען פערנומען מיט א גאנץ אנדער געדאנק, מיט א געדאנק: — אז ווען איך קריג דאס אלגס אפ. —

דעם דאזיגען רעיון האט יעדער איינער געקענט אראפלעזען פון זיינע ציטערדיגע הענד, וואס האבען זיך גארנישט געקענט אפרייסען פון יעדען חפץ, אדער געלד, וואס איז איהם אויסגעקומען אריינצולעגען אין מענדעלי'ס טשעמאדאן.

א שפאר שטיקעל צייט האט גענומען דאס פונאנדערטיילען דאס ביסעל זאכען און מיסטער פיליפ האט זיך שוין נישט געקענט בעגיגענען מיט זיין פערביסענעם שווייגען, נאר געמוזט זיך שוין ארויסכאפען:

— עפיס א בייז טיפעניש האט דאך דיין טשעמאדאן, מענדעלי, ער קען אויסטרינקען א ים!

— יא, יא, מיסטער פיליפ, אזוי טיף ווי דער אפגרונד פון אונזער האנדעל – האט מענדעלי געשאקעלט מיט'ן קאפ,

— וואס הייסט? וואס מיינסטו דערמיט צוזאגען? האט זיך מיסטער פיליפ אויסגעלייכט, לאזענדיג ליגען אויף מענדעלי'ס טשעמאדאן זיין האנד, וואס האט זיך געבריכט באלד ווידער אראפלאזען צום ווייטערדינען טיילען; ער האט אויסגעגלאצט א פאר אויגען און נישט פערשטאנען,

— וואס זאל הייסען, איך האב נאר געמיינט, אזוי לאנג ווי דער אפגרונד פון שהנס מיידלען וועט זיך נישט אויסשעפען, אזוי לאנג וועט זיך מיין טשעמאדאן נישט צומאכען, פערשטאנען מיסטער פיליפ?

# קרן היסוד-בײלאגע.

## (צו דער קרן היסוד-אקציע איז קעלץ און אומגעגענד).

ד"ר יוסף שאלמאַן (ווארשע)
מיטגליד פון צ. ק. פון „התאחדות"

## דער נס פון אויפלעבונג.

(ספעציעל צום „ראדאמער-קעלצער לעבען")

יעדער אָביעקט-ווער פארשער און צושויער, וועלכען ס'איז אויסגעקומען זיך בעקענען מיט דער ארץ-ישראל'-דיגער ווירקליכקייט, ווערט בעצויבערט דורך דעם לעבעדיגען נס פון דער ראשער ענטוויקלונג פונם אידישען ישוב. שוין דער ערשטער רושם פונם טוריסט און בעאבאכטער, וועלכער האָט יעצט די מעגליכקייט פאהרען אין א מאָדערנעם אויטאָ דורך גוט איינגע-אָרדענטע שאסעען אָנשטאָט אמאליגע אָלטע אראבישע וועגעלעך פון אברהם אבינו'ס צייטען, בעווייזט רעם טעכני-שען פארטשריט פון פאלעסטינאָ, זייט דאס לאַנד איז געווארען דער צענטר פון דער אידישער קאלאניזאציע. און די פרעכטיגע ריין-אידישע שטאָדט תל-אָביב, וועלכע איז ענטשטאַנען אויפן זאמדיגען מדבר און אין משך פון א קורצע צייט-רוים פון 20 יאהר געווארען דער צענטראלער פונקט פאר אונזערע איינוואנדערענדע ברידער און שמידעריי פון דער ווירטשאפטליכער ענטוויקלונג, און די ארבעטער-קאָלאָנ-יעס אין עמק, וואו אונזערע העלדישע חלוצים האָבען בעקעמפט און בעזיגט די נאטור זעלבסט, פערוואנדלענדיג די מורא'דיגע זומפען אין בליהענדע פעלדער, — דאס אלץ איז נישט נור א וואונדערבארעס בילד פון איבער-מענשליכער ענערגיע און גלויבען, נור אויך א רעאלער און קאטעגאָריש איבערצייגענדער פאקטאר פון דער היסטאָרישער בעדייטונג פון ארץ—ישראל, אלס א צענטר פון אונזער נאציאנאלער אויפלעבונג און כאציא-לער ענטוויקלונג.

און מערקווירדיג, ווען אנדערע פעלקער אונטערנעהמען זייערע קאלא-ניזאציאָנס עקספערימענטען, שטעהען זיי צו פערפיגונג אונגעהויערע שטחים פון פרוכטבארען באדען און אונבעג-רענעצטע רעגירונגס-פאנדען. און מיר, אידען, בויענדיג דעם פונדאמענט פונם אויפלעבענדען פאטערלאנד, פערמאָגען בלויז גראָשענס צום דעקען דעם ביוד-זשעט פון אונזער „יודען-שטאאט". ווייל — וואס בעדייטען די צוויי מיל-יאָן פונט, וועלכע דאס אלוועלטליכע אידענטום האָט אין משך פון די לעצ-טע 4 יאָהר געזאָמעלט אויפן קרן-היסוד אויב נישט גראָשענס אין פערגלייך מיט דער גראנריעזער אויפגאָבע, וועל-כע די געשיכטע האָט פאר אונז געש-טעלט, אלס דעם איינציגען וועג צו דער אמת'ער פאָלקס-בעפרייאונג? און דאך די בעשיידענע נדבות און קרבנות פון אונזער פעראָרימטען פאָלק האָבען געשאָפען דעם נייעם ישוב אין א"י, וועלכער רופט ארויס ענטציקונג פון דער גאנצער קולטורעלער וועלט און אנערקענונג פון אונזערע פערדינסטען פאר דער אייראָפעאישער ציוויליזאָצ-יע.

ווייל א פאָלק, וואָס וויל צערייסען די פערהאסטע קייטען פון בענקשאפט, א פאָלק, וואָס שטרעבט צו פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, ווערט ויך נישט אָבשטעלען פאר קיין שום קרבנות און וועט דערגרייכען זיין היילינען צוועק — ווערען א גלייכבערעכטיגטער מיטגליד פון דער גרויסער משפחה פון פרייע פעלקער. געוויס האָבען מיר, אי-דען, געליטען פון פערשידענע „גוטע" פריינד, וועלכע האָבען צום שפאָט גע-מאַכט אונזער נאציאָנאלען אידעאליזם. מיר פערגרעסערען פון דער טענשהייט צו-ריקקערהען אונז אונזער היילינעס לאַנד, וועלכעס מיר בעפרוכטען שוין יעצט און וועלען ווייטער בצרייכערען מיט אונזער ארבייט אין שוייס. אלע רעגירונגען און פעלקער האָבען אונזע-רע פאדערונגען אקצעפטירט, זיי האָבען דייטליך אויסגעדריקט וייער טיפסטען מיטגעפיהל פאר אונזערע בעשטרעבונ-גען. ארץ-ישראל ווערט ווידער א אי-דיש לאַנד א דאנק דעם אידישען גייסט און דער נאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט. וועלכע פעראייניגט די צוזייטע און צו-שפרייטע טיילען פונ'ם גלות-אידענטום אין א מעכטיגען פאָלקס-אָרגאַניזם, וועל-כער בויט דאָס נייע אידישע לעבען אין ארץ-ישראל.

דער וועג צום ציון דאָרף דורכגע-זעצט ווערען דורך אונזערע אייגענע הענד. די פרעמדע פעלקער האָבען זיי-ער פליכט ערפילט — זיי האָבען אָנער-קענט אונזער רעכט אויף אונזער לאַנד. און יעצט איז געקומען פאר אונז די תקופה פון גאולת העם והארץ. דאס גאַנצע אידישע פאָלק —- אָהן אונטער-שיד פון פארטייען — דאָרף בילדען איין מעכטיגע פרידענס-אַרמעע, וועלכע איז בערופען אויפצובויען דעם פרעכ-טיגען בנין פון פאַטערלאַנד. אלע אי-דישע בירגער, וועלכע איז טייער, די צוקונפט פונ'ם פאָלק, וועלכע פער-שטעהען די היסטאָרישע אויפגאבע פון פאָלקס-בעפרייאונג און די היילינע פליכט מיטהעלפען דעם זיג פון אונזער רענעסאַנס-בעוועגונג, זאָלען געדענקען, אַז נור אַ דאַנק אונזערע נאַציאָנאַלע פאָנדען — און הויפטזעכליך דעם קרן-היסוד - האָבען מיר דערגרייכט די היינטיגע אימפאָנירענדע רעזולטאַטען און געשאַפען דעם געזונדען נאַציאָנאַ-לען ישוב, וועלכער ערמעגליכט דאָס פערווירקליכען פון אונזער צוויי טויזענד-יעהריגען חלום —— ווערען צוריק אַ פרייעס פאָלק אין בעפרייטער אידי-שער פאַלעסטינאַ.

דער שמאָלצער געפיהל פונ'ם נאַ-ציאָנאַלען כבוד צוזאַמען מיטן געזונ-דען בעוואוסטזיין פון זעלבסט-הילף און דעם קלאָרען בעגריף פון די גע-שאַפענע היסטאָרישע פערספעקטיוען דאַרפען בעוועגען יעדען עהרליכען אי-דישען בירגער ווידמען זיינע קרעפטען און קודם כל ערפילען זיין פערזענלי-כע בעשטייערונג לטובת דער אינסטי-טוציע, וועלכע בויט דאָס אידישע לאַנד.

---

**וועמען איז טייער דאָס גליק און די צוקונפט פונ'ם פאָלק, דער וועט נעהמען אַן אַקטיווען אנטייל אינ'ם אויפבוי פון ארץ-ישראל און געבען זיין בעשטייע-רונג פאַר'ן קרן-היסוד.**

---

אסקאַר וואסערמאַן (בערלין)
דירעקטאָר פון דער דייטשער באַנק

## די פליכט פון אידענטום.

(ספעציעל צום „ראדאָמער-קעלצער לעבען").

דער אויפבוי פון ארץ ישראל. דער אויפבוי פון א מאָדערנעם קאָלעקטיוועז לעבען אויף דער באזיס פון אידענטום און אלגעמיין מענשליכער ציוויליזאָצ-יע, קען נישט דורכגעפיהרט ווערען דורך איין פארטיי. די דאָזיגע היסטאָ-רישע אויפגאַבע קען דורכגעפיהרט ווע-רען נור דורך די אַרבעט און דעם ענ-טוזיאזם פונ'ם גאַנצען פאָלק, וועלכער אַליין איז אומשטאַנד צו בעהערשען אלע שוועריגקייטען אויפ'ן וועג צו זיין בעפרייאונג.

עס מוז געשאַפען ווערען א מעכטי-גע בעוועגונג אומעטום, וואו די אידען לעבען, כדי פערווירקליכען דעם דאָזי-גען פראָגראם פון אויפבוי אַרבעט, פון וועלכער איז אָבהענגיג די צוקונפט פונ'ם אידישען פאָלק. די אַרבייט אין א"י. האָט זיך אָנגעהויבען, און מיר קענען זי נישט פערשוואַכען. מיר קע-נען מיט אונזער פּאָסיוויטעט צעשטערען דעם זיך בויענדען בנין. אָבער דאַן בעדעקען מיר מיט שאַנד-פלעק דאָס גאַנצע אידענטום, און די גאַנצע וועלט וועט זאָגען:

— די אידען זענען צום ערשטען

---

ארץ-ישראל רופט אייך צו א ענערגישע ארבייט פאר'ן פאָלקס-אויפלעבונג. געדענקט וועגען אונזער אויפבוי-פאַנד —
דעם קרן-היסוד!

# קעלצער אבטיילונג.

## א מעמאריאל צו דער היגער קהלה-פערוואלטונג.

די פערוואלטונג פון דער יודישער ביבליאטעק אין קעלץ, האט די טעג צוגעשיקט פאלגענדען מעמאריאל צו דער היגער קהלה־פערוואלטונג:

צו דער פערוואלטונג פון דער יודישער קהלה אין קעלץ.

### מעמאריאל

צוליעב די שווערע מאטעריעלע לאגע, אין וועלכער די יודישע בעפעלקערונג אין אונזער שטאדט געפינט זיך, זענען א גרויסע צאהל עלטערען, געגען זייער אייגענעם ווילען, געצוואונגען צו שיקען זייערע קינדער אין די פוילישע פאלקס-שולען, אין די אזוי גערופענע „שקאלא פאווסשכנא". מיר גלויבען, אז ס'איז אייך בעקאנט, דאס די יודישע קינדער, וועלכע לערנען אין די אויבענדערמאנטע שולען, ווערען פערציגען אין אזא גייסט, וואס איז אונז פרעמד און איז עלול פולשטענדיג צו דערווייטערען זיי פון זייער פאלק און רעליגיע און פערפרעמדען זיי פונ'ם יודישען עבר און פונ'ם גאנצען אוצר יודישע שאפונג.

די יודישע קהלה אין איהר איצטיגער פארם, פאר וועלכער ס'איז יאהרען לאנג געקעמפט געווארען און וועלכע האט די אויפגאבע צו היטען און בעשיצען די נאציאנאלע און רעליגעזע אינטערעסען פונ'ם יודישען כלל, מוז אין די גרעסטע מאס אכט לעגען אויף דעם ערציהונג'ס-וועזען אלס דער גרעסטער פאקטאר און אויסבילדען און אויסגעשטאלטען דעם יונגען דור. די קהלה פערוואלטונג, אלס די העכסטע לאקאלע יודישע רעפרעזענטאנץ, וואלט געדארפט אריינגעהמען דאס גאנצע ערציהונג'ס-וועזען אין איהרע הענד און צו לענקען לויט דעם יודישען נאציאנאלען גייסט און בעדערפענישען. אכטענדיג אבער, דאס די יעצט הערשענדע פאליטיש-עקאנאמישע קאניוקטור ערמעגליכט נישט דאס אויבענדערמאנטע, טאר אבער פארט די קהלה-פערוואלטונג נישט דורכלאזען קיין איינציגע גינסטיגע געלעגענהייט וועלכע קען דערנעהנטערען צום ציעל.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם, געפינען מיר פאר נויטיג צו דערמאהנען די פערוואלטונג פון דער יודישער קהלה, וועגען איינע פון די לעצטע פעראָרדנונגען פונ'ם בילדונג'ס-מיניסטעריום, וועלבע פערפליכטעט די שולאינספעקטארען איינצופיהרען פאר די יודישע קינדער אין די „פאווסשכנע" שולען 10 שעה פאר די יודישע למודים וועכענטליך.

נעמענדיג אין אכט דאס אויבענדערמאנטע, האלט די פערוואלטונג פון דער יודישער ביבליאטעק אין קעלץ, דאס ס'איז דער חוב פון דער יודישער קהלה־פערוואלטונג, אנצווענדען די נויטיגע מיטלען, אז דער דאזיגער בעשלוס זאל ווערען רעאליזירט אין לעבען ווי אמשנעלסטען, כדי אונזערע קינדער, וועלכע בעזוכען די „פאווסשכנע" שולען זאלען נישט ווערען איננאנצען אבגעריסען פונ'ם יודישען עבר, פון דער יודישער סביבה און יודישען עתיד.

אין נאמען פון דער פערוואלטונג
פון דער יודישער ביבליטעק
אין קעלץ:

פארזיצענדער: (–) מ. לעבענשטיין
סעקרעטאר: (–) נח לאקס.

ק ע ל ץ.

■■■

## וויכטיגע באשלוסען פון קהלה-ראט.

אויף דער לעצטער זיצונג פון קהלה ראט זענען אנגענומען געווארען פאלגענדע וויכטיגע בעשלוסען:

1) צו געבען א איינמאליגע שטיצע פון 1000 זלאטעס דער אלמנה נאכ'ן פערשטארבענעם ראקאווער רבי'ן.

2) צו געבען א איינמאליגע שטיצע פון 1000 זלאטעס די 3 אלמנות נאך די 3 פערשטארבענע חענטשינער רביים.

3) צו געבען א איינמאליגע שטיצע פון 5000 זלאטעס פאר ארבייט'סלאזע האנדווערקער, קליינהענדלער און ארבייטער, שאפען א קאמיטעט פון 6 פערזאן א דורך צו פיהרען די פארטיילונג'ס-אקציע. אין קאמיטעט זענען אריין די ה'ה: ב. לאקס, א. מאנעטא, ש. לייכטער, י. ה. פאסירמאן, מ. חעלעמנער, און א. דאטענבערג. און צו ווענדען זיך מיט א אויפרוף צו דער אידישער בעפעלקערונג אין קעלץ צו פערדאפלען די סומע פון די 5000 זלאטעס.

אויף דער זעלבער זיצונג זענען אריינגעטראגען געווארען פערשידענע דרינגענדע פארשלאגען ווי: אנגאזשירען א מנקר, וועגען דעם שוחט חארמאק, וואס איז אבגעשטעלט געווארען אין זיין אמט, פאר אויספיהרען געהיימע שחיטה א, אז. וו. די אלע אויבענדערמאנטע פארשלאגען זענען אבגעשיקט געווארען אין די געהעריגע קאמיסיעס.

איצט שטעהט אויפ'ן טאג־ארדנונג די ביודזשעט דעבאטע איפ'ן יאהר 1926, צוליב'ן ביודזשעט ווערען טאקי אבגעהאלטען פערשידענע געהיימע פערטרויערליכע בעראטונגען און די עקשנות'דיגע מינדערהייט ווילען בשום אופן נישט נאכגעבען. דאס האט א פנים שוין ארויסגעברענגט פון געדולד די ה"ה: פרעזעס רייזמאן, גוטמאן וועלכע האבען אויף דער לעצטער געהיימער פארטרויערליכע ראט זיצונג שטארק אנגערופען יענעם פארעקשנ'טען צד און איהם אויפגעוויזען ווי אונטאקטיש ס'איז זייער האנדלונג צו פארקירצען דעם ביודזשעט צוליין מיט דער קאבצינסקער-קהלה און אוועקשטעלען דעם קהלה-בעאמטען אויף אזא נידריגע מדרגה וואס איז פשוט א חרפה פארן געוויסען. נאר צי דאס וועט הצלחען ווען ווייזען די צוקונפט. פא־לייפיג

יוסף קשענסקי.

## VIRIBUS UNITIS.

### (געווידמעט אונזערע פארשטעהער פון פערשידענע ארגאניזאציעס).

לך כנוס את כל היהודים
(מגלת אסתר ד'-ט"ז)

1.

אין שווערע מינוטען פון עלענד און לייד,
אהן שטראהלען פון האפנונג, אהן צייכען פון פרייד,
דער הימעל פערוואלקענט און גיפטיג דער שמערץ,
פערצווייפלונג פערפאלגט אונז און נאגט אונז דאס הערץ.

2.

געפינען מיר אין דער געשיכטע א ט ר י י ס ט,
זי שטארקט אונז, דערהויבט אונז און וועקט אונזער גייסט...
דערפרישט אונזער קערפער און רייניגט דאס בלוט,
פערשאפט אונז ענערגיע און פרעהליכען מוט:

3.

מיר זענען געוועזען פעראייניגט א מאל,
מיט פריעדען בעפעסטיגט ווי אייזען און שטאל!
אנטקעגען געשטעלט זיך די געגנערס זעהר פיעל,
זיי האבען נישט דאמאלס עררייכט זייער ציעל.

4.

זי ווייזט אויך ווי נישטיג מיר זענען, ווי קליין!
ווי שרעקליך עס זענען די שמערצען, די פיין,
מיר זענען פערלוירען ווען עהרגייץ און האס —
ווילדעווען, בעהערשען די יודישע גאס...

5.

*) צוויי ברירער, זיי האבען מיט אייגענער האנד,
פערטריבען אונז אלע פון הייליגען לאנד!
מיר האבען דורך כבוד פערלוירען די מאכט,
געבליבען אונז זענען נור טרויער און נאכט...

6.

גענוג שוין צערשפליטערט, צו שאנד און צו שפאט,
פערטריבען, פערשאלטען ביי מענשען, ביי גאט!
און זאל נישט מעהר הערשען קיין טרויער, קיין קלאג,
זאל ענדליך ערשיינען דער ליבטיגער טאג!...

קעלץ

*) הורקנוס און ארסתובל.

# אויפרוף!

## פון'ם הילפ'ס - קאָמיטעט ביי דער יודישער קהלה אין ראַדאָם.

## בריעדער אידען!

### „קול דמי אחיך צועקים אליך"

דער ווירטשאַפטליכער קריזיס, וועלכער הערשט שוין ביי אונז אין פאַרלויפען העכער אַ יאָהר, האָט לעצטענס אָנגענומען אַ קאַטאַסטראָפאַלען חאַראַקטער, עס געפינען זיך, ליידער, ביי אונז אין שטאָדט היינט צו טאָג **העכער 1000 פאַמיליעס** בעל-הבתישע, אַנשטענדיגע, און בכבוד'ע וועלכע האָבען פאַרלויפיג פאַרלוירען יעדע עגזיסטענץ — מעגליכקייט.

**בריעדער יודען!** דאָס זענען נישט קיין בעטלער, וועלכע זענען געוואוינט אויסצושטרעקען די האַנד, דאָס זענען מענשען פון אַלע שיכטען, וועלכע האָבען פערנומען אַ גאַנץ בכבוד'ען אָרט אין דער געזעלשאַפט און איהר בעגעגענט ווי היינט אין גאַס אויף יעדען שריט, און עס יועט אייך גאַרנישט קומען אויף דעם געדאַנק, די טראַגישע לאַגע, אין וועלכע די מענשען מיט זייערע פאַמיליעס געפינען זיך.

די טרויעריגע לאַגע איז דאָ ביי אונז אין ראַדאָם נאָך טראַגישער צוליעב דער אינערליכער געזעלשאַפטליכער דעזאָרגאַניזאַציע און צושפּאַלטונג. דאָס געפיהל פון פעראַנטוואָרטליכע געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט, איז פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען, אַלע פּאַרטייען געהען בעזונדער און אָהן אַ איינהייטליכען פּראָגראַם.

די יעצטיגע שעה קאָן נישט מעהר ערלויבען אַזאַ מצב. **עס מוז הערשען אַ איינהייטליכער און בשותפות'דיגע צוזאַמענאַרבייט פון אַלע ענערגישע און פעראַנטוואָרטליכע כחות פון דער יודישער געזעלשאַפט, כדי אַ סוף צו מאַכען צו דער הילפ'ס-לאָזיגקייט און אונבעהאָלפענקייט. די צרות און די ליידען מוזען אויסטרייסלען אַלע הערצער און וועקען צו רעאַלע ממשות'דיגע טהאַטען לטובת די נויטליידענדע ברידער.**

די יודישע קהלה אין ראַדאָם האָט אונטערגענומען דעם פעראַנטוואָרטליכען שריט, און האָט געשאַפען אַ הילפס-קאָמיטעט אין וועלכען עס זענען פערטרעטען אַלע אָרגאַניזאַציעס, פּאַרטייען, און ריכטונגען, אַסעגנירענדיג גלייך אַ געוויסע סומע געלד דערויף.

גלייכצייטיג האָבען אונזערע ברידער אין אַמעריקאַ אויס אייגענער איניציאַטיוו איינגעשיקט טעלעגראַפיש 500 דאָלאַר אויף ברויט פאַר די הונגעריגע, דערביי שרייבען זיי אונז, אַז זיי האָבען געהערט, וועגען די לאַגע דאָ, און זיי טרעטען־צו צו אַ ענערגישע אַקציע צווישען די ראַדאָמער לאַנדסלייט אין אַמעריקאַ, כדי צו דערנעהרען די הונגערליידענדע פון אונזערע ברידער, אָבער מיט איין בעדינג—זיי פאָדערען דאָס מיר זאָלען דאָ אין ראַדאָם אויך אָרגאַניזירען אַ געלד-זאַמלונג, און מיר זאָלען זיי מיטטהיילען וועגען די אַלע שריט און זאַמלונגען, ווייל נור דאַן קאָנען מיר האָפען אויף זייער מיט-הילף, בעווייזענדיג דאָס מיר שטעהען אויף דער וואַך, **און טהיילען זיך מיט דעם ביסען מיט אונזערע ברידער. אַלזאָ, בריעדער יודען!**

מיר האָבען די התחלה געמאַכט. אין פאַרלויף פון עטליכע טעג האָבען זיך שוין רעגיסטרירט דריי טויזענד נפשות, און מיט יעדען טאָג ווערט די צאָהל גרעסער, פאַר וועלכע מיר טרעטען צו צום פונאַנדערטהיילען פּראָדוקטען, מיר זענען גרייט צו פערוועדען אונזער מיה און צייט, לטובת אונזערע אומגליקליכע ברידער. יעצט ווענדען זיך אַלעס אָן אייך, מיר גלויבען נישט דאָס עס זאָל זיך געפונען ביי אונז אין שטאָדט איין איינציגער יוד, וועלכער האָט נאָך ב"ה אַ שטיקעל ברויט, ער זאָל זיך נישט אָברופען און געבען איבער זיין יכולת לטובת די הונגעריגע. אין די נאָהנטסטע טעג ווערט אָרגאַניזירט אַ זאַמעל-אַקציע לטובת דעם ענין.

אונזערע בעפאָלמעכטיגטע וועלען בעזוכען יעדעס הויז, יעדער יוד אָהן אויסנאַהם מוז זעלבסט געבען און צוהעלפען, אַז אַנדערע זאָלען געבען. — איהר מוזט וויסען, דאָס די הילפס-אַקציע מוז דויערען מינדעסטענס 3 חדשים, ביז איבער פסח, וועלכע פאָדערט אַ ריזיגע אָנשטרענגונג און געלד-מיטלען.

## ראַדאָמער יודען!

**איהר האָט יעצט דאָס וואָרט, בעווייזט, אַז עס קלאַפּט נאָך ביי אייך אַ יודיש האַרץ און אַ רחמניות-געפיהל.**

### הילפ'ס-קאָמיטעט ביי דער יודישער קהלה צו העלפען די געליטענע פון ווירטשאַפטליכען קריזיס אין ראַדאָם.

### פּרעזידיום:

ד"ר וו. צונג (פּאָרזיצענדער), יחיאל פרעלקעל, יוסף קעניגסבערג, ישראל דיאַמענט, צבי גוטמאַן, סעקרעטאַר יונה זילבערבערג.

### מיטגלידער פון קאָמיטעט:

מאָטיל אייזמאַן, אדוו. ש. מילער, ד"ר שענדעראָוויטש, בנימין האַכמאַן, מרדכי לאַנגער, פאַביאַן לאַנדוי, גבריאל זיגמאַן, משה ראָזענבוים, משה צוקער, נחום גינזבורג, ירחמיאל ביאַלסקי, פּיאָטר פרענקעל, העניך וויינטרויב, שמואל קאָרמאַן, אליעזר פרענקעל, חיים קאָרמאַן, מאָטיל פרידמאַן, צבי העלפאַנט, ישראל פעלדמאַן און ח. י. ראָטבלאַט.

---

### רעגיסטראַציע פון רעטונג'ס—קאָמיטעט

די רעגיסטראַציע פון רעטונג'ס קאָמיטעט וועט געדויערען ביז'ן קומענדיגען מאָנטאָג. די אַלע וואָס נויטיגען זיך אין שטיצע דאַרפען זיך פאַרעגיסטרירען ביז דעם דערמאַנטען טערמין. די רעגיסטראַציע פיהרט דורך דער רעטונגס-קאָמיטעט אין לאָקאַל פון „עזרה" אין די שעה'ן פון 10 ביז 1 נ. מ.

# ראדאמער יודען!

דער סוחרים-פעראיין מאכט בעקאנט, דאס שבת דעם 27 פעברואר 8 א זייגער אווענד וועט האלטען א רע־פעראט אין אייגענעם לאקאל לובלינער 18 דער יוריס־קאנסולט פון צענטראלען סוחרים-פעראיין אין ווארשא.

אדוואקאט ד״ר יוזעף סטאווסקי

וועגען אקטועלע פראגען

איינגאנג נאר פאר מיטגלידער. איינגאנג פריי!

---

לארושיו של חברינו הנכבד מר **צבי מאיר ראזענבלאט** מסקארשיוו עם מרת **שיינדיל עדער** מטרנובזעג אנו מברכים אותך שתהיה דרכך סוגה בשושנים.

משה צוקער, **משה** פינקעל.

---

שטיצט די פורים-אקציע פון ק. ק. ל.

נעמט אויף די דעלעגאטען פון די פעראייניגטע נ. פ. קאמיסיע בסבר פנים יפות!

שטיצט דעם פורים זאמעל-בויגען לטובת דער „ע ז ר ה״ און אבטיילונגען „ב י ת - ל ח ם״ און „ל י נ ת - ה צ ד ק״.

## זאל קיינער נישט פעהלען צו צייכנען!

מ י ט א י י ע ר ע ק ל י י נ ע נ ד ב ו ת ה ע ל פ ט

א י ה ר א ר י מ ע ב ר י ד ע ר !

---



ווילט איהר האבען די שענסטע און מאדערנסטע צימער?

איז נאר צו קויפען **טאפעטן**

ביי דער בעקאנטער פירמא

## ש. שטיינמאן

ראדאם, לובלינער 21

צו בעדייטענד ביליגע פרייזען.

אלס ספעציאליסט ווערען צימער-טאפע־טירונגען אויסגעפערטיגט שנעל, לויט די נייסטע מאדע.

---

# BANK KUPIECKI w RADOMIU

Spółdz. z ogr. odp. **plac 3-go maja 5 telef. № 14.**

די קאאפעראטיווע סוחרים-באנק נעמט אן ווקלאדען פון די קלענסטע סומען אויף שפאר-ביכלעך, ערלע־דיגט אלערליי באנק-אפעראציעס פינקטליך און צו מעסיגע פרייזען, צאלט אויס די איינקאסירטע געל־דער אין דעמזעלבען טאג.

---

# קויפט נישט ביי די גאנז קיין האבער!

פון די ערשטע קוועלע טשענסטאכאווער בלייזען

די בעסטע רעיעלסטע גאנגבארסטע עכטע קאלירען

אויף ביליגע קאנקורענץ פרייזען, קאנט איהר בעקומען נור ביי

## ה׳ יוסף אקערמאן לובלינער 36

בעסטע און רעיעלסטע בעהאנדלונג און צוגענגליכע בעדינגונגען

קויפט נאר ביי יוסף אקערמאן לובלינער 36

אין הויף פארטער, רעכטס. קומט און איבערצייגט אייך.

---

יודישער טורן און ספארט-פעראיין „בר-כוכבא״ אין ראדאם

ארדענט איין אין די זאלען פון סטאפער „ראזומאיטאשטשי״ שבת-צו-נאכט דעם 27 פעברואר 10 א זייגער אווענד

## א ג ר ו י ס ע ן

# מאסקען-באל

מיט פערשידענע אטראקציעס

די הכנסה ווערט איבערגעגעבען פאר דער אומזיסטער קוך ביי דער געזעלש „עזרה״ אין ראדאם. מאסקעס זענען נישט פערפליכטענד.

די בילעטען קאסע אין טעאטער וועט זיין אפען שבת-צו-נאכט 6 א זייגער.

---

Kino „CORSO“ w Radomiu.

Od środy 24-go r. b. **największ „królowie“ humoru**

# PAT i PATACHON

*jako policjanci.*

*Nad program*

Dziennik Pathe z całego świata.

---

# די קאאפעראטיווע האנדווערקער באנק אין ראדאם, לובלינער 23.

פיהרט אויס אלע באנק — אפעראציעס.

נעמט אן אינקאסא איבערווייזונגען,

וועלכע ווערען אויסגעצאהלט אין דעם זעלבען טאג.

---

# Dr. A. ŁUCZNO LEWI

## אויגען-קראנקהייט

נעמט אן פון 3—4 נאך מיטאג.

ראדאם, (לובעלסקי-גורקעס) קילינסקי 13 טעלעפאהן 420

---

די קולטור קאמיסיע ביים האנטווערקער קלוב.

ארדענט איין שבת צו נאכט׳ס דעם 27-טען דעם חודש א „ליטערארישהומאריסטישען פורים אוענד״ אין אייגענעם לאקאל מיט א פערשידענ־ארטיגען רייכען פראגראם. צום שלוס טענץ ביז׳ן פרימארגען אין גאנצען פריי! בילעטען פון 50 גראשען אן ביז 1,50 זלאטעס.

אנהויב פינקטליך 7 אין אווענד.

די קולטור קאמיסיע.

---

KINO „ODEON“ w RADOMIU.

Od 23-go lutego r. b.

# TAJEMNICA PŁYWAJĄCEGO DOMU

**(w obliczu śmierci)**

w roli głównej: **HARRY HILL.**

**wkrótce:** **wkrótce:**

**POLA NEGRI**

w obrazie **JEJ WIELKA MIŁOŚĆ**

---

# OGŁOSZENIE.

Zarząd Spółdzielni pożyczkowej przy Związku Rzemieślników i drobnych kupców Żydowskich z ogr. odp. w Przytyku, niniejszym podaje do wiadomości, że powyższa Spółdzielnia znajduje się w stanie likwidacji. Osoby, mające pretensje do Spółdzielni zgłosić się mają do Zarządu do dnia 27 lutego 1926 r.

## פון נ. פ. קאָמיטע אין ראַדאָם

די פּראַיייניגטע נ. פאָנד־קאָמיטע פּגלדעט, דאָס ווי אַלע יאָהר ווערט אויך היי־יאָהר אַדורכגעפיה־ט די פּורים־אַקציע, מיר ווענדען זיך דעריבער צו אַלע ראַדאָמער אידען אָהן אויסנאַהם, דאָס זיי זאָלען שפּענדען פאַר דעם „קרן־קימת" מיט אַ ברייטער האַנד. דען מיט די פּורים־אַקציע ווערט פערענדיגט די זאמלונג פון דעם ערשטען האלבען יאָהר תרפ"ו, און מיר האָפען, דאָס ווי שטענדיג, וועט־ראַדאָם אויך היינט זיך אויסצייכנען און פערנעהמען דעם גע־עהריגען פּלאַץ צווישען אַלע גרויסע שטעדט, וועלכעס עס איז שוין די טראַדיציע פון אַ סך יאָהרען.

נעמט אויף אונזערע דעלעגאַטען

בסבר פנים יפית!—

די פּראַייניגטע נ. פ. קאָמיטע אין ראַדאָם.

# רשימה

## פון די קצבים, וועלכע געפונען זיך אונטער דער השגחה פון ראבינאט.

### אין די האַללעס.

1. ראַזענצווייג משה — יאַטקע נומ. 6
2. גאָלדבערג יודעל — „ „ 8
3. ווייסבאָרד אברהם — „ „ 10
4. פאַוולאָוויטש אברהם — „ „ 12
5. פינקעלשטיין שלמה יודעל — „ „ 14
6. זילבערבערג חיים — „ „ 16
7. פינקעלשטיין מאיר — „ „ 18
8. ליבמאַן יעקב — „ „ 22
9. ראַזענצווייג חיים — „ „ 25

### פאַר די האַללע

1. גוטמאַן לייביש — ט"ש נומ. 10
2. טראַוואַ לייב — „ „ 14
3. פאָמעראַנץ לייביש — „ „ 17
4. ראָזענבלאַט חנינא — „ „ 19
5. פינקעלשטיין איטשע — „ „ 24
6. קירשענבוים מאיר וואָלף — „ „ 25

1. לעווקאָוויטש משה לייב — יאַטקע רווינסקע נומ. 1
2. בוימאַן יחיאל — „ „ „ 10
3. צינגיסער מאיר — „ וואָהל „ 1
4. גרינצווייג חנה — „ „ „ 17
5. יאַבלאַנקע משה — „ ניי־וועלט „ 12
6. זעלקער הערש — „ סקאַרישעווסקאַ 6
7. פינקעלשטיין משה — „ „ נומ. 31
8. האַקמאַן שמואל — „ „ „ 38
9. פרידמאַן מאָטעל — „ „ „ 59
10. גאָלדוואַסער יחיאל — „ „ „ 63
11. זעלקיער לייב — „ לובלינער „ 71
12. גאָלדבערג אהרן — „ שוהל־פּלאַץ „ 3
13. ראָזענצווייג יצחק — „ „ „

ביי די אַלע אויסגערעכענטע קצבים זענען אַרויסגעהאָנגען הכשר׳ן אויף שילדלעך מיט׳ן אויפשריפט: „בשר כשר", וועלכע ווערען יעדען חודש איבערגעטוישט. מען בעט דעריבער די קונים אַכטונג צו געבען אויף׳ן חודש פון הכשר.—

בד"צ דפה ראדום.


Niniejszym oświadczamy, iż wyłączną sprzedaż na Radom i okolice wyrobów Oddziału Skórnego Tow. Akc. Przemysłu Włókniczego dawn. Peltzer & Fils w CZĘSTOCHOWIE posiada firma p.

BENJAMIN REICH w Radomiu

ul. Wałowa № 3

D"r Płucer Sarna

דאס האָבען שוין מיינע קאָנקורענטען איבערצייגט, אז צו קויפען איצט איז נאָר גוט ביי דער ערשטע קוועלע.

מיט אכטונג: B. REICH.

1 פּעקעל ½ קילאָ 1.90 | 1 דעקאָ 5 גר.

איך פערקויף די בעסטע הייוועז

פון פאַבריק „Wola-Krysztoporska"

צו פאַבריקס־פּרייזען ——— יעדען טאָג פרישע

1 פּעקעל א ½ קילאָ 1.90 1 דעקאָ 5 גראָשען

קומט און איבערציינט אייך! מיט אכטונג;

בנימין רייך וואַלאָווא 3

1־טער שטאָק.

א הערצליכען דאַנק דריק איך אויס דעם ה' ד"ר פעלץ פאַר זיין שנעל קורירען מיך.

מיט אַכטונג:

שרה ראָזענצווייג.

„השומר הצעיר" אין קעלץ.

שבת פורים דעם 27־טען ת. ת. 6 אָווענד קומט פאָר אין זאהל „ארפעאום" (מאַרק 6) א טראַדיציאָנעלער קינדער פורים קאָסטיומען־באַל

בילעטען בעקומט מען ביי דער קאַסע אין טאָג פון באַל,

איינגאַנג איך פאַר דערוואַקסענע!

כשר לפסח!

אַכטונג קעלץ!

צום קומענדיגען יום־טוב האָב איך צוגע גרייט זעהר געשמאקע, זויערע אוגערקעס, וועלכע איך פערקויף אין הורט און איינצעל צו ביליגע פּרייזען. קומט און איבערצייגט אייך!

מיט אַכטונג: ישראל לעווענשטיין

קעלץ סילניטשנע גאס 7.

ב"ה נגמר בדפוס ספרי „שלחן עורך" מה"רו לאחדים מכורך 2 זלאָטעס ובליא מכורך 1.50

מנחם מענדיל ווייַנגאַרט

ראבדפ"ה

טעאַטער פאָלסקי קעלץ.

פאַראייניגטע טרופּע פון יהדישען אַרטיסטען פעראיין אין וואַרשע

מיט אַנטייל פון: ביאַלקאָוויטש (ראָזענצווייג), לובארטאָווסקאַ, צאַהם, שפּילמאַן

א. א. ח"ה: ביאַלקאָוויטש, ווינער, וויינבערג, מאַקסימאָוו, פעלר, שטיין, קליינער א. א.

אַכטונג! לעצטע 4 פאָרשטעלונגען.

פרייטאג דעם 26 ד. ח. 8,30 אָוענד ווערט געשפּילט די אונשטערבליכע היסטאָרישע אָפּערעטע

שולמית

אין 5 אַקטען 25 נ. געזאַנג פון גאָלדפאַדען

פּרעמיערע שבת דעם 27 ד. ח. 8,30 אָוענד ווערט געשפּילט צום ערשטען מאָל אין קעלץ דער וועלט בעריהמטער שלאַגער אָפּערעטע אין 4 אַקטען

בלינד אויס ליבע

נייעס לכבוד פורים עקסטרא שלח מנות פאַר קינדער.

זונטאג 4 אַ זייגער נ. מיטאָג לכבוד פורים ווערט געשפּילט פאַר קינדער צו ביליגע פּרייזען פון 50 גר. ביז אַ 1 זל. די פּרייליכע אָפּערעטע אין 3 אַקטען מיט אַ בילד

רומענישע חתונה:

אַכטונג! צו יערען בילעט ווערט צו געגעבען אומזיסט דער קופּלעט „געלד איך וויל עס"!

זונטאג דעם 28 ד. ח. 8,30 אָוענד צוליב פורים ווערט געשפּילט צום ערשטען מאָל די פּרייליכע קאָמישע אָפּערעטע מיט פיל געזאַנג, טענץ, הומאָר און לאַכען אין 4 אַקטען.

די פריילעכע קבצנים

אין אַלע פּיעסען טרעט אויף מיט נייע טענץ דער באַל. מייסטער ה' קליינער.

סופלער: ה' בלאַט געשעפט'ס פיהרער: לייבמער


Redaktor i Wydawca CH. M. Herc — Odbito we własnej drukarni Radom Szwarlikowska № 20.